בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' אחרי"ק
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## זיך אפהאלטן פון תענוגים

### חלק א: דער וועג צו פרישות

#### ווי אזוי צו זיין הייליג

אין די קריאה פון די וואך ליינען מיר די רייד פון הקדוש ברוך הוא צום אידישן פאלק פון **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ** - איר זאלט זיין הייליג (קדושים יט:ב). זענען פאראן מענטשן וואס ווען זיי הערן די ווערטער טראכטן זיי אז דאס איז בלויז א הקדמה צו אלע קומענדיגע מצוות אין די פרשה. איר זאלט זיך הייליגן דורך שמירת שבת, דורך עסן כשר'ע מאכלים, דורך זיך אפהאלטן פון דינען עבודה זרה, און אלע אנדערע דינים וואס ווערן דערמאנט אין די פרשה. קדושים תהיו איז בלויז אן ארייינפיר צו די אמת'ע זאך, די מצוות. אזוי קלערן מענטשן, אבער דאס איז נישט ריכטיג - קדושים תהיו איז פאקטיש א באפעל פאר זיך. (זע רמב"ן שם). "זיי עוסק אינעם ענין פון זיך הייליגן," זאגט דער באשעפער.

ווי אזוי פירט מען דאס אויס? ווי אזוי ווערט מען א קדוש? דאס איז עפעס וואס יעדער דארף אפגעבן אביסל צייט ארייינצוטראכטן דערין. 'וואס איז א פאסיגער מהלך פאר מיר צו ווערן א הייליגער מענטש? זאל איך אפשר זאגן אסאך תהלים? ענדיגן ש"ס?' קען זיין. מעגליך דאס רעכנט זיך אויך אריין אין די מצוה, אבער לאמיר אצינד הערן וואס די חז"ל האבן צו זאגן אויף די נושא. אויף די ווערטער **קְדֹשִׁים תִּהְיוּ** - "איר זאלט זיין הייליג," זאגן אונז די חז"ל (תורת כהנים): פרושים תהיו - איר זאלט זיין אפגעשיידט. צו ווערן א קדוש, זאגט דער באשעפער, דארפט איר לערנען ווי אזוי צו זאגן פאר זיך 'ניין', זיך אפצוהאלטן פון וועלטליכע תענוגים וואס געפינען פאר אייך. און דאס איז נישט אן אייגענער אויסוואל - דאס איז א באפעל: לערן ווי אזוי זיך צו אפשיידן פון די וועלט!

ווי מער איר זענט מצליח אין די עבודה פון פרישות, אלץ הייליגער וועט איר ווערן. די גמרא זאגט אין מסכת תענית (יא.): "כל היושב בתענית - ווער עס פאסט אייגענע תעניתים, נישט ווען עס איז א תענית ציבור נאר וואס א מענטש האט אליין גענומען אויף זיך צו פאסטן, נקרא קדוש - ער ווערט גערופן א הייליגער מענטש." און ווי עס שטייט דארט, לערנען מיר דאס פון א נזיר. א נזיר, ווייל ער נעמט אויף זיך אליין זיך אפצוהאלטן פון טרינקען וויין, רופט אים די תורה אן א קדוש. די תורה שטעלט ארויף א קרוין אויף דעם קאפ פון א נזיר, א קרוין פון קדושה, נֵזֶר אֱלֹקָיו עַל רֹאשׁוֹ (במדבר ו:ז), בלויז צוליב זיין פרישות.

## די קעניגליכע סעודה

אין מסילת ישרים איז דא א גאנצער פרק אויף דער ענין פון פרישות. אז מען קוקט דארט אריין (פרק יג), וועט מען זען פיל ביישפילן וואס טוען אויפווייזן אז עס איז א מצוה זיך צו איינגעוואוינען צו פרישות, זיך אפצוהאלטן פון געניסן פון די וועלט. דער בעל מסילת ישרים ברענגט דארט א מדרש פסיקתא (ו:ב) אויף חזקיהו מלך יהודה. חזקיהו האט געהאט א קעניגליכער טיש. ער האט פארמאגט די מעגליכקייט צו געניסן פון אלע סארט דעליקאטעסן וואס איז דא אויף די וועלט - נאך אלעם איז ער דאך געווען א קעניג. אבער דער מדרש דערציילט אז אלע זיינע סעודות זענען באשטאנען בלויז פון א טעלער אנגעפילט מיט גרינצייג. אז איינער האט געהאט א געלעגנהייט צו כאפן א בליק בשעת דער מלך חזקיהו עסט א מאלצייט, וואלט ער געזען אויפן טיש טאמאטעס, קרויט און דאס גלייכן - דאס איז געווען זיין סעודה. ווי שלמה המלך זאגט, צַדִּיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ - דער צדיק עסט צו זעטיגן זיין זעל (משלי יג: כה). דאס מיינט אז ער עסט מיט א ציל, בלויז וואס עס פעלט אויס צום געזונט. אזוי האט חזקיהו המלך זיך געפירט. טראצדעם וואס ער האט געהאט געניטע קעכערס וועלכע האבן אים געקענט צושטעלן די בעסטע מעדנים, האט ער דאס קיינמאל נישט געבעטן. אפשר פאר זיינע געסט האט ער דאס יא פארלאנגט, אבער פאר זיך אליין האט ער זיך אפגעהאלטן פון יעדע סארט מותרות; עס איז אים גוט געווען צו עסן פשוט'ע ביליגע ירקות. אט אזוי האט דער גרויסער מענטש, דער קעניג פון דאס אידישע פאלק, געלעבט. און אויף דעם טוען חז"ל אויסלויבן חזקיהו המלך.

## נישט נאר פאר די גרויסע

פרשת קדושים לערנט אונז אז דאס איז נישט א דרך נאר פאר גרויסע מענטשן; פרושים תהיו - איר זאלט זיך אלע היילגן דורך פרישות. מיר לערנען דא אז די תורה פארלאנגט פון דעם מענטש א דרך אין פרישות. אודאי דארף מען זיך דאס לערנען; עס פאדערט פארשטאנד ווען צו זאגן יא, ווען ניין. עס איז דא אמאל א פרישות וואס איז פארבאטן; עס איז שעדליך און דערפאר איז עס נישט ריכטיג. לאמיר זאגן, א מענטש עסט לויט א פעלערהאפטע דייעטע, ער וויל נישט עסן נארהאפטיגע שפייז, ער איז זיך פרוש פון געזונטע מאכלים; ער איז א זינדיגער. עס איז אסור זיך אפצוהאלטן פון צו געניסן פון א נארמאלע דייעטע - א מענטש דארף עסן די אלע וויכטיגע מאכלים וואס זיין קערפער דארף האבן.

אדער איז דא א מענטש וואס איז זיך פרוש פון רעדן - דאס איז אויך גוט. אבער וואס איז מיט איינער וואס וויל נישט גריסן זיין ווייב אדער זיינע פריינט? וואס איז אויב ער נעמט נישט א מינוט צו טרייסטן איינער וואס ליידט פון מרה שחורה? מיט אפאר פריינטליכע ווערטער וואלט ער געקענט אויפלעבן יענעם, אבער צוליב זיין פרישות, ווייל ער וויל נישט ברעכן זיין הנהגה פון שווייגן, וועט ער דאס נישט טון. ער איז א זינדיגער!

דאס ווארט פרישות באדייט, זיך אפשיידן פון עפעס וואס איז מותר **אבער נישט וויכטיג**; דאס טוט דער פרוש באשליסן זיך אפהאלטן דערפון. אלזא, כאטש מיר שטרעבן אויף פרישות אין וואס מער אופנים וואס איז מעגליך - וואס מיר וועלן באלד ארומרעדן - אבער אודאי דארף עס געטון ווערן אזוי אז עס זאל נישט גורם זיין קיין שאדן פאר אנדערע און אויך נישט פאר די אייגענע

געזונט. פונדעסטוועגן איז נישטא קיין ספק אז דער ענין פון ריכטיגע פרישות איז גאר וויכטיג און עס דארף זיין יעדער איד׳ס שטרעבן. צי מען איז פעאיג עס אויסצופירן אויף א שטארקן אופן אדער אפילו אויף א קליינעם פארנעם, דארף יעדער איד דערגרייכן צו עפעס א מאס פון פרישות.

## פארוואס פעלט דאס אויס?

אצינד, אויב גייען מיר ווערן פרושים אויף די וועלט, איז כדאי מיר זאלן פארשטיין פארוואס מיר טוען דאס - וואס גייט זיין אונזער מאטיוואציע צו ווערן ״פרושים״? איז לאמיר נאכאמאל כאפן א בליק אין מסילת ישרים און מיר זעען דארט אז ווען מיר זענען זיך פרוש פון מותרות דארף אונזער כוונה זיין צו זיין מתרחק מן העבירה, זיך צו דערווייטערן פון זינד. קדש עצמך במותר לך - הייליג זיך דורך זיך אפהאלטן אפילו פון וואס איז מותר על פי דין (יבמות כ.).

דורך זיך דערווייטערן אפילו פון זאכן וואס זענען מותר, וועלן מיר זיין באשיצט פון קומען אין באריהרונג מיט איסורים. און דערפאר, יעדע זאך וואס קען פירן צו עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן - שעדליך אדער זינדיג - כאטש וואס אינעם יעצטיגן מאמענט וועט די זאך נישט גורם זיין דערצו און עס איז אויסדריקליך מותר, פונדעסטוועגן, האלט זיך דער פרוש שוין אפ דערפון צוליב די מעגליכע קאנסקעווענצן. אזוי טוט דער מסילת ישרים אפלערנען אט די מידה.

צום ביישפיל, לאמיר זאגן איינער עסט אן קיין קאנטראל. מיר רעדן אצינד פון א מענטש וואס עסט בלויז פון די בעסטע הכשרים - כשר׳ע שאקאלאדן, צוקערלעך און דענישעס - אבער ער עסט! אצינד, אז ער איז צוגעוואוינט צו עסן אלעס וואס זיין אויג זעט, איז שווער פאר אים זיך אפצוהאלטן פון עסן פארבאטענע מאכלים. אויב דער דאקטער זאגט אים אז צוקער איז שעדליך פאר אים, איז עס אים זייער שווער צו פארמיידן. ער פראבירט, אבער יעדע מאל איז עס א שווערער גערانגל ווייל דער תאוות אכילה טוט אים איבערגעוועלטיגן.

דאגעגן ווען א מענטש האלט זיך אפ פון אומוויכטיגע שפייז, ווען ער עסט בלויז נאהראפטיגע און געזונטע עסנווארג, לערנט ער זיך צו קאנטראלירן. דער רמב״ם זאגט אז ווען א מענטש זאל עסן בלויז וואס איז גוט פאר אים; לא ככלב וכחזיר - נישט ווי א הונט און א חזיר וועלכע עסן נאר וואס איז געשמאק צו זייער צונג, אבער דער פרוש האלט זיך אפ דערפון, ער זאגט ׳ניין׳ און ׳ניין׳ און ׳ניין׳ צו זיך אליין און דורכדעם בויט ער אויף זיין ״ניין״ מוסקל. און אצינד, אויסער וואס ער שטארקט זיין געזונט, ווערט אים אויך גרינגער צו זאגן ניין צו ערגערע זאכן - אויב ער וועט זיך אמאל באגעגענען מיט עפעס וואס איז אסור וועט ער גרינג זאגן ׳ניין׳, ווייל ער האט זיך שוין איינגעוואוינט צו אפהאלטן פון זיך געוויסע זאכן.

דאס קען מען פראקטיצירן אויף פארשידענע אופנים. לאמיר זאגן דו זיצט אינדערהיים; דו האסט אפגעגעסן א גוטן מאלצייט און יעצט שטעלט מען דיר אראפ אויפן טיש א שטיקל שאקאלאד קוכן. זאגסטו, ״ס׳איז גענוג - איך בין זאט. איך דארף דאס נישט.״ אדער ביסטו ביי א קידוש און איינער טראגט דיר אן א טרונק בראנפן. ״נו, א לחיים?״ זאגט ער. ענטפערסטו, ״ש׳כח,״ דו מאכסט א שהכל, טרינקסט אביסעלע און ווינטשסט ״לחיים!״ דאן לייגסטו די גלעזל בראנפן אין א זייט.

אט אזוי, אויב וויל מען מקיים זיין דעם באפעל פון באשעפער, קדושים תהיו, דארף מען זיך טרענירן צו ווערן א פרוש.

## ווי אזוי צו רעדן

דאס איז נוגע אין יעדן הינזיכט אין לעבן - נישט נאר ביים עסן. עס איז שייך אויך ביים רעדן. ווי דער ווילנער גאון האט געזאגט, אז די שטארקסטע פרישות איז ווען מען רעדט נישט. ער רעקאמענדירט אפילו צו מאכן א תענית דיבור - אמאל, אמאל באשטימט מען א טאג ווען מען וועט נישט רעדן - א פאסט טאג פון רעדן. עס זענען געווען גוטע אידן וואס פלעגן דאס טון, און אויב ווואלט איר אנגעטראפן אזא איינעם אין איינע פון די טעג, אויב וואלט איר גערעדט צו אים, וואלט ער גענטפערט, "היינט קען איך נישט רעדן." אויב וואלט אים איינער אפגעשטעלט אין גאס און געבעטן, "אנטשולדיגט, איר קענט מיר ווייזן וואו איז די און די גאס?" וואלט ער געוויזן מיט זיין האנט און געהאלטן זיין מויל פארמאכט.

אבער דו דארפסט נישט גיין ביז אזא עקסטרעם. אויב א מענטש טרענירט זיך צו אפהאלטן זיך פון לייכטזיניגע שמועסן בכלליות, אויב ער געוואוינט זיך איין צו האלטן זיין מויל אונטער קאנטראל, איז דאס שוין עפעס. דורך די פרישות פון רעדן איבריגע רייד, ווערט אים גרינגער צו האלטן זיין מויל פארמאכט ווען ער פאלט אריין אין א געזעלשאפט וואו ער וואלט זיך גאנץ מעגליך איינגעהאנדלט פיל עבירות דורך זיין מויל. לאמיר זאגן ער זיצט ביי א חתונה, וואו ער איז פאראורטיילט יעצט צו פארבלייבן פאר דריי שעה אויף איין זיץ און צופעליג איז דאס נעבן פלוידערערס, לייכטזיניגע מענטשן וועלכע האבן ליב צו רעדן פון יעדן.

אויב איז ער א מענטש וועלכער האט זיך קיינמאל נישט געלערנט קאנטראל, וועט ער אריינפאלן אינעם נעץ - ער וועט פארשווענדן דריי שעה זייענדיג אליין א פלוידערער. אויב האט ער זיך נישט צוגעגרייט מיט א לערע פון קדושים תהיו, דאן סיי ווען עס איז דא א שמועס, וועט ער זיך גערן באטייליגן. און ווען ער טרעפט זיך ביי אט די חתונה, קענען די דריי שעה זיין פאר אים א שווערער פארלוסט. עטליכע שעה פון ליצנות, לשון הרע און אונאת דברים און יעצט קען ער פארברענגען זיין גאנץ לעבן צו תשובה טון אויף די איינע שמחה.

דאגעגן, אויב איז ער א פרוש, ווייל ער האט זיך שוין צוגעוואוינט נישט צו עפענען זיין מויל נאר אויף וואס עס איז וויכטיג, איז דאן זיצט ער דארט אבער מאכט זיכער נישט צו לייגן קיין אויפמערקזאמקייט אויף וואס די ארומיגער רעדן. אדער נאך בעסער, ער טרעפט זיך תירוצים צו אוועקשפאצירן פון דארט און ווען ער קערט זיך צוריק, זעצט ער זיך אראפ און פארבלייבט שטיל.

## ווי אזוי צו קוקן

עס איז אויך דא פרישות ביים קוקן. אויב מענטשן טוען זיך איינגעוואוינען צו קוקן נאר ווען און וואו מען דארף - צום ביישפיל ווען מ'גייט אריבער די גאס איז זייער וויכטיג צו קוקן אויף ביידע זייטן אויב עס קומט נישט א קאר אבער באלד ווי מ'קומט אן אויפן צווייטן זייט לאזט מען אראפ די אויגן צו די ערד און מ'הייבט עס נישט אויף ביז מ'דארף ווידעראמאל אריבערגיין א גאס. אויסער אויב איינער גריסט דיר; דאן הייבסטו אויף די אויגן כדי צו ערפילן די מצוה פון זיין מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות; דו גריסט אים מיט א פריינטליך פנים.

דאס הייסט אויך א פרוש - ער קוקט נישט וואו עס איז נישט וויכטיג. און אודאי ווען ער גייט אריבער גוי'ישע געשעפטן לייענט ער נישט אפ זייערע רעקלאמעס, ער האט די שטארקקייט זיך צו

אוועקדרייען. ער וויל נישט קוקן וואו מען טאר נישט. עס ציט אים נישט צו קוקן אין מאגאזינען אדער נישט כשר׳ע כלים. ער קען זיך לייכט אפהאלטן פון זינדיגן ווייל ער האט זיך איינגעהאנדלט קאנטראל איבער זיינע אויגן - ער גלוסט נישט צו קוקן אויף ערטער וואו זיינע אויגן געהערן נישט דארט. דער פרוש האט זיך טרענירט צו אויסניצן די מתנה פון זען פאר וויכטיגע צוועקן ווי צו לערנען, מאכן פרנסה אדער האנדלען מיט מענטשן ווי אזוי הקדוש ברוך הוא האט באפוילן.

## ווי אזוי אויסצוגעבן געלט

עס איז אויך דא אזא זאך ווי א פרוש ביים אויסגעבן געלט. קלוגע מענטשן ווערן זיך טרענירן נישט אויסצוגעבן אן אומוויכטיגע פרוטה. בלויז ווייל עס איז דא צו באקומען, דארפסטו אויסגעבן דיין שווער פארדינטע געלט? דער טאוול שרייט, ״קום אריין און שפאר זיך איין!״ אבער דו באשליסט צו ״בלייבן אינדרויסן״ און מער איינשפארן! ביז דו האסט געזען דעם טאוול איז דיר נישט איינגעפאלן אז דו דארפסט עפעס פון דארט. אויב עס פעלט נישט אויס צו קויפן, אויב דו קענסט זיך אן עצה געבן אן דעם, דאן לאז עס אין געשעפט און האלט דיין געלט אין באנק. מענטשן וואס האבן א געוואוינהייט צו אויסגעבן געלט ווערן פארשקלאפט צו דעם דראנג און גאנץ אפט, בלויז ווייל חפצים ווערן ארויסגעשטעלט אין שויי-פענסטער, קויפן זיי עס. און צומאל איז דאס דער אנהייב צו אסאך פראבלעמען.

דערפאר, מענטשן וואס זענען מער איינגעהאלטן ביים אויסגעבן געלט שניידן בעסער אפ ווייל זיי גלוסטן נישט צו טון צייט-פארשווענדערישע און געלט-פארשווענדערישע און געזונט-פארשווענדערישע זאכן. ווען איינער טוט דיר פארשלאגן, ״לאמיר גיין אויף אן אויסקוק-רייזע קיין גרינוויטש ווילעזש,״ ציט עס דיר נישט. דו זאגסט אים, ״איך האב בעסערע סצענעס צו באטראכטן.״

דאגעגן, ווען מענטשן האבן א דראנג צו קוקן און א דראנג צו אויסגעבן געלט און א דראנג צו עסן און א דראנג צו רעדן, זענען זיי פארשקלאפט צו זייערע תאוות און געפינען זיך אלעמאל ביים שוועל פון א קאטאסטראפע. דערפאר טוט דער פרוש, וואס דער מסילת שרייבט איבער אים, מאכן זיכער זיך צו האלטן אונטער קאנטראל.

פארשטייט זיך, דא האבן מיר אויסגערעכנט בלויז עטליכע ביישפילן - עס זענען דא פיל מער צווייגן פון פרישות; אויב דו לייגסט צו אביסל מחשבה וועסטו קענען אויפכאפן אין וועלכע הינזיכטן פון לעבן עס איז כדאי צו זיין א פרוש. אבער סיי וואס עס זאל זיין, הצד השווה שבהם, די גלייכע ליניע צווישן אלע, לויט דעם מסילת ישרים, איז אז עס האלט אפ א מענטש פון קומען אין בארירונג מיט פארבאטענע פירונגען, מיט זאכן וואס זענען אסור.

## חלק ב. ריכטיגע מחשבות דורך פרישות

## נאך א בליק אין פרישות

אצינד וועלן מיר אדורכטון די נושא אויף אן אנדער שטאפל. דער ספר חובת הלבבות האט אויך א גרויסן פרק וואס ווערט גערופן ״פרישות״ - עס איז די זעלבע נושא אבער מיט גענצליך אן אנדער

צוגאנג. נישט אז ער איז נישט איינשטימיג מיטן מסילות ישרים; אלעס וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער איז אנגענומען ביי יעדן וואס פארשטייט וואס תורה איז, אבער דער חובת הלבבות לערנט אונז אז עס איז דא נאך א שטארקע סיבה צו לערנען ווי אזוי זיך צו אפהאלטן פון מותרות פון די וועלט.

דער חובת הלבבות זאגט דארט אז כדי צו פארשטיין די מאטעוואציע צו פרישות דארפן מיר ערשט פארשטיין אז א מענטש קומט אויף די וועלט כדי צו פארנעמען זיינע מחשבות מיטן באשעפער. וְאָהַבְתָּ אֵת הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ - דו זאלסט ליב האבן דעם באשעפער מיט דיין גאנצע הארץ.

דער רמב"ם (תשובה י:ו), ווען ער רעדט איבער די מצוה זאגט ער אז עס איז אוממעגליך פאר א מענטש צו ליב האבן צוויי זאכן אין די זעלבע צייט. לאמיר זאגן דו ביסט אנגעפילט מיט א רייץ צו א געוויסע באליבטע באשעפטיגונג, דאן איז אוממעגליך דו זאלסט זיך קענען קאנצענטרירן צו טראכטן פון דעם באשעפער און די געוואלדיגע מידות און השקפות פון די תורה. און אזוי, ערקלערט דער חובת הלבבות אז דאס איז אונזער מאטיוואציע זיך אפצוהאלטן פון וועלטליכע זאכן - מיר דארפן האבן אונזערע געדאנקען פריי פאר העכערע זאכן, מער ווערדפולע זאכן.

## דיין טייערע דירה

אצינד קומען מיר צו א געוואלדיגע ערקלערונג וואס שלמה המלך זאגט אין משלי, ווי פאלגענד: לאמיר זאגן דו האסט א פרייע דירה וואס דו פארדינגסט פאר צען טויזנט דאלער א וואך. וואלטסטו עס גענוצט אלס סטארעזש ארט פאר דיינע שיך? עס איז צו א טייערער פרייז צו פארשווענדן אויף דעם. נאר טייערע מעבל וועסטו דארט אריינשטעלן ווייל עס לוינט נישט צו פארפאטשקען קיין אינטש פון די ווערדפולע פלאץ דארט. אזוי זאגט שלמה המלך, וּבְדַעַת חֲדָרִים יִמָּלְאוּ כָּל הוֹן יָקָר וְנָעִים - דורך טראכטן ריכטיגע מחשבות, וועלן די קאמערן פון דיין מח ווערן אנגעפילט מיט אלע טייערע און זיסע זאכן (משלי כד:ד). נאך אלעם איז דיין מח די טייערסטע דירה וואס דו קענסט געפינען - יעדער אינטש איז ווערדפולע ריעל עסטעיט. דערפאר טאר עס נישט ווערן אנגעלייגט, עס דארף בלייבן פריי פון איבריגע מעבל כדי דו זאלסט קענען דארט אריינברענגען וויכטיגע זאכן.

מיר דארפן די פלאץ אין אונזערע מוחות פאר די אלע ווערדפולע מעבל פון די תורה - דאס איז צו וואס דער מח איז געמאכט געווארן - נאר מיר ניצן עס נישט ריכטיג! ווייל אונזערע מוחות ווערן אנגעלייגט מיט איבריגע זאכן. לאמיר זאגן דו טראכסט פון עפעס א נארישע זאך, פון עפעס א וויכוח וואס דו האסט געהאט מיט איינעם אדער עפעס א זייטיגע אינטערעסע, אן אומוויכטיגע באליבטע באשעפטיגונג; טוסטו אנלייגן דיין מח און עס האלט אפ די העכערע בילדער פון קענען אריינקומען דארט - דאס איז א פאקט אין נאטור אז צוויי זאכן קענען נישט פארנעמען איין פלאץ אין די זעלבע צייט.

## בראשית פון אלעם

אין דיין מח דארפסטו האבן א בילד פון וועלט באשאף; א גלארררייכע בילד וואס ווערט באשריבן אין אנהייב פון די תורה. אלעס איז געקומען פון 'אַיִן' - פון גארנישט. און אלעס איז אויסגעפארעמט געווארן אין אזא וואונדערליכער סדר. ערשט איז די גאנצע ספערע, די אויבערשטע אויסשפרייטונג באשאפן געווארן. דערנאך איז די ערד קוגל באשאפן געווארן און דאן איז די טרוקענע

ערד ארויסגעקומען פון די וואסערן און דאן זענען די באלייכטערס אין הימל נאכגעקומען; יעדער שטאפל האט נאכגעפאלגט איינער דעם צווייטן - א וואונדערליכע בילד. עס איז א שאד אז מענטשן אנערקענען נישט אז דאס איז עפעס פון די מעבל וואס דארף פארנעמען פלאץ אין אונזער מח.

אויב ווילסטו שטייגן העכער, דו ווילסט זיין א געהויבענער מענטש, איז די קומענדיגע מאל דו גייסט ארויס אין גאס, גייענדיג פון דיין הויז צום ערשטן גאס ווינקל, נעם א מינוט צו טראכטן אז דער וואס האט באשאפן די וועלט פון גארנישט קוקט אויף דיר. פראביר דאס! דאס איז א ווערדפולער שטיק מעבל. ווען דו גייסט אהיים פון שול אינדערפרי אדער ווען דו ווארטסט אין די רייע אין גראסערי צו קויפן א פלאש מילך, איז אנשטאט צו אנפילן דיין מח מיט ביליגע מעבל ווי געדאנקען איבער וועלכן סארט פרישטאג דו גייסט עסן, הייב אן ארייננצורוקן טייערע מעבל ווי געדאנקען פון 'בריאה יש מאין'; נעם איין מינוט זיך פארצושטעלן די וועלט באשאף. די גאנצע תורה איז געבויט אויף די הקדמה - אפילו ווען דו לערנסט במדבר אדער דברים, דארפסטו געדענקען אז דאס איז אלעס באזירט אויף בריאה יש מאין.

## דער גרויסער טאג

פארוואס זאלסטו נישט טראכטן יעדן טאג פאר כאטש איין האלבע מינוט איבער מתן תורה? אזוי זאגט דאך דער פסוק (דברים ד:ט)! רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ - היט זיך שטארק, היט זיך גאר שטארק, אז דו זאלסט נישט פארגעסן וואס דיינע אויגן האבן געזען, יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב - דעם טאג וואס דו ביסט געשטאנען ביים בארג סיני.

אה! וואספארא טאג דאס איז געווען! א געוואלדיגער טאג וואס האט קיינמאל נישט פאסירט פריער אדער שפעטער אין די היסטאריע פון די וועלט! מענטשן האבן געהערט דאס קול פון באשעפער! הֲשָׁמַע עָם קוֹל - צי האט א פאלק אמאל געהערט אזא זיסע און פארכטיגע קולי?! (שם ד:יג). זיי זענען אויסגעגאנגען און זענען צוריק לעבעדיג געווארן! עס איז געווען אזא איבערראשונג - אן אימה'דיגע איבערלעבעניש, און דאך, די פרייליכסטע און גליקליכסטע איבערלעבעניש. איר מוזט אלעמאל האבן פלאץ אין אייער מח פאר אזא גרויסארטיגע בילד, דאס בילד ווי אזוי דעם באשעפער'ס שטימע האט געדונערט פונעם הר סיני. לייג די מעבל אין א צימער פון דיין פאלאץ, דיין מח פאלאץ.

## גאזאלין און מאטארן

אויב אבער האסטו אין קאפ אלעס; יעדע משוגעת, יעדע נארישקייט, דאן וועסטו נישט האבן קיין פלאץ פאר די זאכן. איז לאמיר זאגן עס ליגט דיר אין קאפ די 'הערליכע' אידיאל פון א קאר; דיין קאפ איז אנגעפילט מיט געדאנקען פון זיך אויסאיבן צו פירן דעם מאטאר אדער זארגן איבער די רעדער אדער מאכן פלענער איבער רייניגן דעם קאר, ביסטו פארנומען מיט דעם קאר און קאר און נאכאמאל קאר. דיין קאפ איז א קאר קאפ. אנשטאט צו אנפילן דעם קאפ מיט הערליכע מעבל פון תורה אידיאלן, איז עס אנגעפילט מיט גאזאלין און מאטארן.

דאס איז נאר איין ביישפיל. מענטשנ'ס קעפ זענען אנגעפילט מיט אלע סארטן זאכן וואס זענען איבריג; קליידער און געלט און טייערע כלים, עסן און רייזעס און נאך אנדערע זאכן. אבער לאמיר זאגן א מענטש האט נישט קיין קאר, ער האט נישט קיין טייערע שפילצייגן, דאן איז זיין קאפ

ליידיג. אודאי איז אויך נישט גוט צו האבן א ליידיגע קאפ, אבער אצינד אויב ער איז אינטערעסירט צו אריינפירן זאכן אין זיין ליידיגע דירה, קען ער אנהייבן אריינברענגען אין זיין קאפ הערליכע מעבל וואס פאסט פאר קעניגליכע צימערן און ער קען איבערדרייען זיין קאפ צו א הערליכער פאלאץ. ער פירט אריין א גאלדענע בעט און גאלדענע בענקלעך און גאלדענע טישן און אנדערע הערליכע מעבל.

## א פאלאץ פון תענוג

און ער פירט אריין, צום ביישפיל, א בילד פון יציאת מצרים. לְמַעַן תִּזְכֹּר - כדי דו זאלסט געדענקען אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ - א בילד פון יציאת מצרים אלע טעג פון דיין לעבן. עס זענען דא מענטשן וועלכע דינען דעם באשעפער מיט זייערע ליפן, זיי פילן זיך באפרידיגט צו יוצא זיין זייער התחייבות דורך זאגן די ווערטער אינדערפרי און ביינאכט און דערנאך פארגעסן דערפון. אבער אויב איינער וויל אויפבויען זיין פאלאץ צו זיין אנגעפילט מיט חפצים וואס פארשאפן פארגעניגן, פראבירט ער ווי ווייט מעגליך דאס צו אריינזעצן אלס א באפעסטיגטע זאך אין זיין קאפ. ער איז שטענדיג באוויסטזיניג צו דער ענין פון יציאת מצרים.

אצינד, אויב דו טרענירסט זיך צו קענען זיך אפהאלטן פון וויניגער וויכטיגע זאכן אויף די וועלט, איז איבער די יארן וועסטו צוביסלעך צולייגן מער און מער באפוצונגען אין די קעניגליכע דירה אין קאפ. ווי מער דו שעצט יעדע שטיקל פלאץ אלס מער צייט וועסטו אפגעבן צו טראכטן תורה געדאנקען - און דאס אלעס הייבט זיך אן מיט א מח וואס איז נישט אנגעלייגט מיט מותרות פון די וועלט.

## דער ארעמער בעל השקפה

אין מסכת נדרים (פא.) שטייט: שלחו מתם - זיי האבן געשיקט א שליחות פון ארץ ישראל: "הזהרו בבני עניים - זייט געווארנט מיט די קינדער פון די ארעמע, שמהן תצא תורה - ווייל פון זיי גייט ארויס תורה." דאס מיינט, זיי האבן געשיקט א שליחות פון ארץ ישראל צו די מנהיגים אין בבל, אויב ארעמע בחורים קומען צו אייער ישיבה, מאכט זיכער זיי צו מקרב זיין. ארעמע בחורים זענען דיאמאנטן, ווייל גרויסקייט אין תורה קומט פון די ארעמע קינדער.

פרעגט דער ר"ן: פארוואס פון די ארעמע קינדער? פארוואס דוקא אין ארעמע פאמיליעס וואקסן אויף תלמידי חכמים? און ער ענטפערט אז דאס איז דערפאר ווייל ארעמע קינדער האבן גארנישט אויסער תורה. די קינדער האבן קיינמאל נישט געהאט עפעס אנדערש אין זייערע קעפ. זיי האבן נישט געהאט קיין געלט צו אויסגעבן, זענען זייערע קעפ פול מיט ערליכע השקפות. אן ארעמער בחור לאזט זיך ארויס אויפן וועג צו די ישיבה טראכטנדיג בלויז פון די גמרא. ער האט ליב די גמרא און וויל וואקסן א גדול; צי ער וועט טאקע וואקסן א גרויסער גדול אדער א קליינער גדול, אבער ער איז א בעל השקפה.

דאגעגן א רייכער בחור וואס לאזט זיך ארויס צו די ישיבה, ער האט א טייערער זייגער און טייערע חפצים. ער שטרעבט צו האבן א קאר און פארשידענע כלים. ער האט אסאך זאכן מיט וואס זיך צו האלטן פארנומען. אבער אלעס קאסט א פרייז! נישט נאר געלט; נאר ערגער פון דעם. עס קאסט פלאץ אין זיין פאלאץ אין זיין קאפ. ער טראכט פון זיין בילדער מאכער און פארברענגנס און אפילו

אויב ער איז א פיינער, ערליכער בחור, איז אבער זיין קאפ צו שטארק אנגעפילט מיט אנדערע זאכן.

## ביציקלען, האמערס און קוכנס

ארעמע קינדער האבן פיל ווייניגער געלעגנהייטן צו פארפאטשקען זייערע לעבנס! ווען איך בין געווען א אינגל, האב איך קיינמאל נישט פארמאקט א ביציקל. איך בין געווען אזא ארעמער אינגל אז ווען איך האב געוואלט קויפן א קליינער האמער - עס האט געקאסט פינף און צוואנציג סענט אין יענע טעג - האב איך זיך עס נישט געקענט ערלויבן! עס האט מיר גענומען א לאנגע צייט ביז ענדליך האב איך אנגעקליבן פינף און צוואנציג סענט און איך האב געקויפט דעם האמער. דאס איז געווען א גרויסע זאך פאר מיר! מיר האבן נישט געהאט קיין שפילצייג. ברוך ה׳! אלזא, הזהרו - זייט געווארענט בבני עניים - מיט די ארעמע קינדער, שמהן תצא תורה - ווייל פון זיי וועט ארויסקומען תורה.

איך וועל אייך געבן א משל. א מענטש זעצט זיך אראפ ביים טיש אינדערפרי, ער דארף עסן א געזונטע פרישטאג. אבער אנשטאט דעם, עסט ער עפעס זשאנק מיט זיסקייטן דערין - ער עסט געצוקערטע סיריעל און א פעטע שטיקל קוכן. אצינד האט ער נישט באקומען די נארשאפטן וואס ער דארף האבן; דאס גאנצע וואס ער באקומט איז בויך ווייטאג. ער שפאצירט אוועק פונעם פרישטאג טיש מיט בויך ווייטאג, יעצט האט ער נישט קיין פלאץ פאר גוטע עסן, די ריכטיגע מאכלים וואס זיין קערפער דארף. און דאס איז וואס פאסירט מיט דיין מח ווען דו פילסט עס אן מיט מחשבות פון געצוקערטע סיריעל און פעטע קוכנס און עלעגאנטע קארס און שפילצייגן און כלים - עס איז מער נישטא קיין פלאץ פאר די אמת׳ע תענוגים פון וואס דער באשעפער וויל מיר זאלן הנאה האבן אויף די וועלט.

## האלט דיין קאפ פריי

דאס זאגט דער חובת הלבבות, אז פרישות איז דער לעזונג; עס איז די עבודה פון אויסליידיגן דעם מח פון זאכן וואס זענען נישט וויכטיג, אזוי אז דו זאלסט קענען אריינשטעלן דארט וויכטיגערע זאכן. האלט זיך אפ! ווער נישט פארנומען מיט קיין מותרות. אויב יעדער סארט עסנווארג איז גוט פאר דיר, דאן וועסטו נישט אוועקגעבן צופיל צייט פאר דיינע מאלצייטן און דו וועסט האבן מער צייט פאר וויכטיגערע זאכן אין לעבן. אבער לאמיר זאגן דו מוזט האבן דעליקאטעסן, און דו ווילסט עס אזוי און אזוי, דארפסטו אוועקגעבן צופיל צייט און מחשבה דערצו און עס לאזט דיר איבער ווייניגער פלאץ פאר די וויכטיגע זאכן אין לעבן.

ריכטיג, מ׳דארף אויך ארויסגיין ארבעטן, אויב א מענטש ארבעט נישט ווערט ער פארשוועמט אין ליידיג גיין; ער הייבט אן מיט דיפרעסיע און אנדערע משוגעת׳ן. צומאל ווערט ער אריינגעשלעפט אין זינד אויך, אויב ער ארבעט נישט. מען דארף אנגיין מיטן לעבן נארמאל, אבער נישט ווערן אריינגעטון אין קיין שום עולם הזה - ווער נישט איבערגענומען מיט ליבשאפט צו קיין וועלטליכע זאכן. אויב דו דארפסט נישט קיין קאר, קויף נישט קיין קאר. אויב דו דארפסט עס האבן, קענסטו זיך נישט העלפן אבער לייג נישט דעם קאר אין דיין קאפ. עס פלעגט זיין א רעקלאמע אויף די באסעס וואס האבן

זיך געליינט, "ווער באטייליגט." אבער אונזער סלאגאן איז: "ווער נישט באטייליגט!" שטיי אוועק דערפון!

דאס איז די פרישות פונעם חובת הלבבות. האלט דיין קאפ פריי פאר די געוואלדיגע אויפגאבע צוליב וועלכן דו ביסט באשאפן געווארן! דו לעבסט בלויז איין מאל אויף די וועלט, צי זאלסטו דען נישט מאכן ניצן פון דיין קאפ פאר גלאררייכע געדאנקען? מיר ווילן האלטן אונזערע קעפ פריי פאר די גרויסע מחשבות וואס דארפן פארפילן אונזערע מוחות. וּבְדַעַת חֲדָרִים יִמָּלְאוּ כָּל הוֹן יָקָר וְנָעִים (משלי כד:ד) - מיט דעת וועלן דיינע קאמערן ווערן אנגעפילט מיט אלע טייערע און אנגענעמע מעבל.

## חלק ג. תענוגים פון פרישות

### פאלשע תענוגים

און יעצט קומען מיר צו נאך א שטאפל, א דריטע מאטיוואציע פאר אונזער עבודה פון פרישות; דאס איז, אז פרישות איז וואס וועט דיר מאכן פרייליך אויף די וועלט! אצינד עפענען זיך אייערע אויגן ברייט! דאס איז א פרישות מיט וואס מענטשן וואלטן זיך געוואלט פירן אויף די וועלט.

אבער כדי דאס צו פארשטיין, איז וויכטיג צוערשט אראפצושטעלן א נקודה, אז איינע פון די גרעסטע סיבות וואס זענען גורם פאר מענטשן **נישט** צו זיין פרייליך אויף די וועלט איז דאס זיין פארנומען מיט פאלשע פארגעניגנס. מענטשן טראכטן, "דאס איז געשמאק, לאמיר עס טון!" "דאס איז פרייליכקייט, לאמיר עס באקומען." דארט וועלן מיר הנאה האבן!" און דורך זיין פארנומען מיט ליידיגע פארגעניגנס זענען זיי **גורם פאר זיך צו ווערן פארמיטן פון די גרעסטע תענוגים פון די וועלט** - אמת'ע שמחה איז פיל טייערער און פיל מער צוגענגליך צו דיר.

און זיי טרעפן נישט קיין שמחה ווען זיי לויפן עס נאך. אפילו ווען מענטשן לאזן זיך ארויס צו גיין צו א געוויסע פלאץ צו פארברענגען געשמאק, ווען זיי קומען אהיים שפירן זיי אנטוישט. עס איז ליידיג, אן קיין אינהאלט. עס איז נישט פונקט ווי מען האט זיך פארגעשטעלט. מען קומט נישט אהיים מיט קיין שמחה. ניין. ווייל אויף שמחה דארף מען הארעווען. ווען מען פראבירט עס צו טרעפן אויפן גרינגן אופן ווי שפילערייען און אונטערהאלטונגען, וועט מען אפשר טרעפן דערין אן אויפטרייסלונג, אביסל פאן, יא. אבער שמחה, ניין. דאס לעבן ווערט איין גרויסער אנטוישונג.

### די זייער גוטע וועלט

און דאך ווייסן מיר אז די וועלט איז נישט אן ארט פון אנטוישונגען; דעם באשעפער'ס וועלט איז א פרייליכע וועלט! מיר ווייסן אז דער באשעפער איז א טוב ומטיב - מיר קענען נישט אנהייבן צו לעבן אויף די וועלט מיט הצלחה, נאר אויב מיר דרינגען אריין דעם יסוד אין אונזערע ביינער אז דער באשעפער טוט אלעס מיטן ציל פון חסד. עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה - ער האט געבויט א וועלט פון חסד (תהלים פט:ג). ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, די ערשטע זאך וואס ער האט אונז געזאגט איז אז מיר זאלן וויסן ווי גוט די וועלט איז. וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד - און דער באשעפער האט געזען אלעס וואס ער האט געמאכט, און אט, עס איז געווען זייער גוט (בראשית א: לא).

אויב דער באשעפער וואלט געזאגט, ׳עס איז גוט׳ - נישט ׳זייער גוט׳ - וואלטן מיר פארשטאנען אז עס איז אויסערגעווענליך גוט ווייל דעם באשעפער׳ס ווארט איז אמת; זיין גוטס איז זייער זייער גוט. און אצינד אז דער באשעפער זאגט ׳טוב מאד׳, אז די וועלט איז ׳זייער גוט׳, דאן מוזט איר פארשטיין אז עס איז זייער, זייער, זייער גוט. ווען דער באשעפער זאגט מאד, מיינט עס מאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאאד! דער באשעפער געבט נישט זיין זיגל פון באשטעטיגונג ׳זייער גוט׳, נאר אויב עס איז זייער, זייער, זייער - און קיינמאל וועלן מיר זיך נישט אפשטעלן פון זאגן זייער - גוט.

## הנאה האבן פון אלעם

און נישט נאר איז דאס א וועלט פול מיט תענוגים, נאר זיי זענען אויך צוגענגליך; מ׳קען צוקומען דערצו אין אלע צייטן און דער באשעפער ערוואַרט דו זאלסט הנאה האבן דערפון און עס שעצן. אין קהלת (ב:י) שטייט, וְכֹל אֲשֶׁר שָׁאֲלוּ עֵינַי לֹא אָצַלְתִּי מֵהֶם - וואס מיינע אויגן האבן געבעטן, האב איך נישט אפגעהאלטן פון זיי; דאס מיינט, סיי וואס ער האט געזען, האט ער טועם געווען. און די גמרא (ירושלמי קידושין ד:יב) ברענגט, "א מענטש וועט איין טאג דארפן אפגעבן דין וחשבון פארן באשעפער אויף אלעם וואס זיינע אויגן האבן געזען און ער האט נישט געוואלט הנאה האבן דערפון." דאס זעט אויס גוט; עס איז א מצוה! סיי וואס דיינע אויגן זעען, זאלסטו טועם זיין און אויב נישט, וועט מען דיר פארהאלטן דערויף.

זעען מיר אז עס איז אן ענין צו מאכן ניצן פון די גוטע זאכן וואס דער באשעפער האט באשאפן פאר אונז אין די וועלט. ער וויל מיר זאלן הנאה האבן פון זיין וועלט! איז וואס זאגן מיר דא אז עס איז א מצוה זיך צו איינגעוואוינען זיך צו פורש זיין פון עולם הזה?

## הנאה האבן פון ליכטיגקייט

צוערשט דארפן מיר פארשטיין פון וואספארא סארט תענוגים דער באשעפער רעדט דא. אלס א ביישפיל וועלן מיר נעמען איין תענוג וואס וועט אייך איבערראשן - עס וועט גלייך קלאר מאכן צו וואס מיר ווילן צוקומען.

עס שטייט אין קהלת (יא:ז), וּמָתוֹק הָאוֹר וְטוֹב לַעֵינַיִם לִרְאוֹת אֶת הַשָּׁמֶשׁ - ווי זיס איז די ליכטיגקייט; ווי גוט איז פאר די אויגן צו זען די זון. יעצט לאמיר זען וואס דער רבינו יונה זאגט אין שערי תשובה (ב:ט) איבער דעם פסוק: "אויב ביסטו אן אלטער מאן," שרייבט ער, "און דו האסט שוין נישט קיין ציין און אנדערע זאכן וואס מען האט נישט אויף דער עלטער, דאן קענסטו טראכטן אז אלע הנאות פון לעבן זענען שוין א פארגאנגענהייט - דו האסט מער נישט קיין תענוג אין לעבן."

אבער דאס קען נישט זיין, זאגט דער רבינו יונה. דער באשעפער האט דאך שוין געזאגט אז עס איז זייער א גוטע וועלט - ער האט נישט געזאגט אז עס איז א גוטע וועלט אויף ביז ווען דו ווערסט זיבעציג יאר אלט. איז וואס זאגט דער רבינו יונה איז דער תענוג וואס טוט אויפלעבן און דערפרייען דעם אלטן מאן? זון ליכטיגקייט! אויב ער לערנט זיך צו הנאה האבן פון די זון ליכטיגקייט, וועט ער אלעמאל זיין פרייליך. דארפן מיר פארשטיין די הנאה פון די טאג ליכטיגקייט. וואספארא הנאה עס

איז צו זען די טאג ליכטיגקייט! עס איז א תענוג! ווי נאריש איז די וועלט - זיי לעבן זייער לעבן און ווייסן נישט צו שעצן די טאג ליכטיגקייט.

## דער לאנד פון דער חובת הלבבות

פיל מענטשן וועלן דאס נישט דערהערן. "דאס איז תענוג?! טאג ליכטיגקייט?! הא, הא - עס איז אומזיסט, אזוי צוגענגליך." אבער איר לערנט יעצט א גרויסן סוד - הערט צו דעם סוד: אלע בעסטע זאכן אין לעבן זענען אומזיסט! נאר מענטשן ווייסן נישט צו זיין פרייליך דערמיט. ווי דער חובת הלבבות זאגט, מענטשן איגנארירן די טובות הכללית, די געוועגליכע תענוגים וואס יעדער האט און זיי זוכן נאר טובות מיוחדת, תענוגים וואס נאר זיי האבן און קיינער אנדערש נישט. אויב ער האט עפעס וואס קיינער האט נישט, דאן איז ער פרייליך דערמיט. נאר דאס הייסט א תענוג, מיינט ער.

אבער דער חובת הלבבות זאגט אז ער איז א נאַר ווייל דער באשעפער וויל מיר זאלן הנאה האבן פון די מתנות וואס ער געבט פאר אלעמען. דער פאקט אז דיין שכן געניסט פון די זון ליכטיגקייט, דאס מאכט עס פאר א קלענערער תענוג?! דער באשעפער געבט און געבט און מיר דארפן עפענען אונזערע מוחות צו דורכשטודירן די מתנות און צו הנאה האבן פון זיי. און דו וועסט דארפן אפגעבן דין וחשבון פאר נישט הנאה האבן דערפון.

עס איז א גרויסע שמחה צו הנאה האבן פון טאג ליכטיגקייט. ווי נאריש זענען מענטשן - די אינגלעך און מיידלעך גייען ארויס אין גאס מיט געלט אין טאש. זיי ווילן קויפן זיסווארג און נאשעריי - דאס איז הנאה!... זאגן מיר, "ווארף אלע מיסט אין די מיסט קאסטן און קוק אויף די טאג ליכטיגקייט. אויב וועסטו ארויסנעמען די אלע מיסט פון דיין קאפ וועסטו ענדליך קענען הנאה האבן פון די זונען שיין!" קוקן זיי אויף אונז און לאכן, "פון וואו קומט איה, פון די לבנה?!" ענטפערן מיר אז מיר קומען פון די לאנד פון דער חובת הלבבות, פון די לאנד פון תורה השקפות וואו טאג ליכטיגקייט איז א הנאה!

## פשוט'ע תענוגים

זון ליכטיגקייט איז בלויז איין ביישפיל ווי אזוי א פרוש לעבט א לעבן פון שמחה און קדושה. מיר הייבן בלויז אן דעם פאך זיך צו לערנען ווי אזוי צו הנאה האבן - אזא סארט הנאה וואס איז די אמת'ע הנאה פון לעבן! צי ווייסט איר וואספארא הנאה עס איז צו האבן צוויי אויגן?! אבער יעדער האט צוויי אויגן! איז וואס?! פרעגט א בלינדער וואס ער איז גרייט צו אוועקגעבן אויף צו צוריקבאקומען איין אויג. איין אויג?! ער וואלט געצאלט מיליאנען; ער וואלט משוגע געווארן פון פרייד.

דער תענוג פון עסן א שטיקל ברויט. הא, הא, הא - עסן א שטיקל ברויט. בשעת דיינע ציינער צוקייען די ברויט, עס איז א תענוג! דאס איז איינע פון די גרעסטע תענוגים אויף די וועלט.

דער תענוג פון טרינקען א גלאז וואסער! וואסער! וואספארא תענוג איז דאס! עס פליסט אראפ דיין האלז; אהה! א לעבנסמיטל געטראנק - לערן זיך ווי אזוי צו הנאה האבן פון וואסער. דער תענוג פון אטעמען! געב א טיפער אטעם אריין; דו טרינקסט א פולער גלאז פון גאזן וואס געבט דיר חיות

און מאכט דיין בלוט רויט און לעבט אויף דיין גאנצער קערפער. יעדער אטעם גייט אריין אין דיין קערפער און געבט דיר א נייער שטראם פון ענערגיע. אטעמען איז הנאה!

צו האבן א דאך איבער דיין קאפ און ווענט און א טיר וואס דו קענסט פארשפארן. וואספארא ברכה איז צו האבן א היים. עס איז א שמחה; דיין היים איז דיין פעסטונג. ווען דו שפאנסט אריין אין א ווארעמער הויז, זאלסטו הנאה האבן דערפון! זאג, "אהההה! ווארעמקייט אז א תענוג, אן אמת'ער תענוג." דו האסט דאס קיינמאל נישט געזאגט אפילו איין מאל? דאס איז ווייל ווען דיין קאפ איז אנגעפילט מיט טעלעפאנען און שפילערייען און קוכנס איז נישטא קיין ארט פאר די הנאה פון א ווארעמע היים.

## האנטזייגערס און קארס

דאס קען מען נישט אלעמאל זאגן פאר מענטשן ווייל זיי וועלן מיינען אז דו ביסט צערודערט. דא קומט צו גיין א פרומער צדיק און ער זאגט מיר, "איר לערנט פאר מענטשן אז דער ציל אין לעבן איז תענוגים?! צו זיין א רודף תענוגים, צו נאכלויפן הנאות, דאס איז תורה?!" ער איז געווען בייז אויף מיר. האב איך געטראכט, 'זע; דו האסט א האנט זייגער. איך האב נישט קיין האנט זייגער. דו פירסט א קאר ווען דו קומסט אין בית המדרש. איך גיי צופיס צום בית המדרש. ווער לויפט נאך תענוגים, דו אדער איך? דו לויפסט עס נאך אבער דו האסט עס נישט. איך זיך נישט קיין תענוגים, זיי קומען צו מיר. איך גיי אין גאס מיט מיינע צוויי פיס אין מיינע שיך, און איך אטעם די לופט פון באשעפער! איך האב הנאה פונעם לעבן יעדע רגע!' די סארט כשר'ע תענוגים איז א חיוב; עס איז א מצוה גדולה צו הנאה האבן פונעם לעבן אויף דעם אופן.

אבער דו וועסט קיינמאל נישט קענען אינגאנצן הנאה האבן פון די סארט מתנות פון באשעפער אויב דיין קאפ איז אנגעלייגט מיט לוקסוס, איבריגע זאכן, מיט פאלשע תענוגים. דו וועסט קיינמאל נישט הנאה האבן פון די מתנות פון באשעפער אויב דו טראכסט אז הנאה קומט פון ארומרייזן און אנדערע לוקסוס. קען זיין דו וועסט אנטרעפן אביסל לופטיגע פרייליכקייט - דאס שטיקל קוכן און די רייזע קיין שווייץ וועט אפשר אביסעלע בארואיגן דיינע נערוון - אבער דו וועסט קיינמאל נישט ווערן א פרייליכער מענטש דערפון. נאר א פרוש, א מענטש וואס האט זיך טרענירט זיך צו אפטיילן פון די פאלשע תענוגים, ער איז דער וואס לעבט גליקליך - גאר פרייליך - אויף די וועלט.

## רוחניות'דיגע הנאות

דער מענטש וואס געוואוינט זיך איין מיט די ליידיגע תענוגים וועט נישט נאר זיך נישט לערנען ווי אזוי צו זיין אן אמת'ער פרייליכער מענטש אויף די וועלט, נאר עס איז דא עפעס מער וואס ער דערלייגט. מען קען זאגן אז דאס איז דער פערטער שטאפל פון פרישות; די פערטע מאטיוואציע צו די עבודה פון זיך איינהאלטן. און דאס איז, אז א קאפ וואס איז פארנומען מיט איינהאנדלען פאלשע תענוגים וועט קיינמאל נישט קענען שפירן הנאה ביים דינען דעם באשעפער. ווען א מענטש האט פאלשע תענוגים אין זיין קאפ, וועט ער נישט קענען אנערקענען דעם תענוג פון עבודת ה', פון טון מצוות.

פאר געוויסע מענטשן הערט זיך דאס מאדנע, אבער גלייבט מיר, טון מצוות ברענגט שמחה! דער

תנא רבי עקיבא ווען ער האט געדאווענט שמונה עשרה האט זיך געגאסן פון אים עמערס פון טרערן - ממש עמערס פון טרערן, אום שבת. ווען ער האט געענדיגט דאווענען האט מען אים אויפגעמערקט, "צי דען איז יעצט נישט שבת? צי דען מעג מען וויינען אום שבת?" האט רבי עקיבא געענטפערט, "איך האבן געוויינט פון שמחה." ער איז געווען אזוי פרייליך; ער האט גערעדט צו זיין בעסטן פריינד, זיין איינציגסטער אמת'ער פריינד וואס ער האט פארמאגט.

עס איז אזוי ווי א קינד וואס קומט אהיים נאך וואס ער איז א לאנגע צייט נישט געווען אינדערהיים און ער רעדט מיט זיין טאטע און מאמע און ער גארגלט אויס זיינע ווערטער - ער גיסט ארויס צו זיי זיין גאנצע הארץ. ער איז געווען א שטיק צייט צווישן פרעמדע און יעצט איז ער צוריק אינדערהיים און רעדט מיט זיינע באליבטע, די וואס ליבן אים מער ווי סיי וואס. רבי עקיבא האט געעפנט זיין הארץ צום באשעפער און ער איז געווען אזוי פרייליך, ער האט נישט געקענט אפהאלטן דעם פלייץ פון טרערן. ער האט געוויינט אן אויפהער.

## התלהבות אין עבודת ה'

עס איז דא שמחה אין תפילה! ווי עס שטייט, וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי - איך וועל זיי דערפרייען אין מיין הויז פון תפילה (ישעיהו נו:ז). דאס מיינט, אז ווען דו קומסט רעדן צום באשעפער איז עס א תענוג, עס איז געשמאק! דאס איז וואס די פארצייטישע אידן האבן געזאגט ווען זיי האבן געענדיגט דאווענען, "אה, א געשמאקער מעריב!" אבער ווען איינער האט זיך איינגעוואוינט צו מותרות אין גשמיות, דאן האט ער נישט קיין אפעטיט, ער פארשטייט נישט צו די ריכטיגע תענוגים אין לעבן.

עס איז אויך דא שמחה ביים לערנען תורה. די מענטשן וועלכע לערנען זיך ווי אזוי צו זיין א פרוש פון אלע פאלשע תענוגים אויף די וועלט, זיי שפירן א געוואלדיגע גליקליכקייט ביים זיצן פאר א גמרא. דערפאר איז אסור צו לערנען תורה אום תשעה באב. דברי תורה משמחין את הלב - דאס איז אמת'ע שמחה. עס איז א הנאה צו פארשטיין די סברא פון די גמרא, צו פארשטיין דעם תירוץ פון תוספות. ווען דו פארשטייסט עפעס וואס דו האסט פריער נישט פארשטאנען אין תורה, דאס איז א גליק. דער אמורא רבה איז געווען אזוי פרייליך ווען ער האט געלערנט תורה אז מען דערציילט אויף אים (שבת פח.) אז ער איז געווען אזוי ארייגעטון אין די ליבשאפט צו די תורה, אין די שמחה פון לערנען, אז ער האט נישט געוואוסט אז ער זיצט אויף זיין האנט. עס איז גערונען בלוט פון זיין האנט און ער האט נישט באמערקט ווייל ער איז געווען אזוי פרייליך מיט די תורה. עס איז געווען אן אמת'ע ליבשאפט! גליקליך מיט די תורה!

נאר איינער וואס האט זיך געלערנט ווי אזוי זיך אפצושיידן פון די וועלט קען פארשטיין די התלהבות ביים טון מצוות, ביים דינען דעם באשעפער. ווען א מאמע קאכט נאכטמאל פאר איר פאמיליע, אויב זי לערנט זיך צו הנאה האבן פון די מצוה, ווי פרייליך איז זי אז אירע קינדער גייען עסן וואס זי האט געמאכט פאר זיי, זי איז גליקליך אז זי ערפילט איר שליחות פון באשעפער. נֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר - דער באשעפער געבט ברויט פאר אלע לעבעדיגע; און זי גייט און זיינע וועגן. זי איז א שליח פון חסד. איז דאס נישט א פריווילעגיע פאר א קלוגע מאמע? בשעת זי שטייט און טיילט אויס עסן פאר דעם קינד און דעם קינד, איז זי א שליח פון באשעפער און זי איז אזוי פרייליך אז

אירע ערליכע קינדער פאסמאקעווען זיך מיט איר מאלצייט. דאס איז איר הנאה אין לעבן. זי איז אן עובד ה׳ מיט שמחה ווייל זי טראכט נישט פון קליידער און צירונגען.

## פארשידנארטיגע מאטיוואציעס

איך וועל דא צוזאמנעמען די דריי שטאפלען פון פרישות, אז איר זאלט עס נישט פארגעסן. די ערשטע איז, די פרישות פון מסילת ישרים: א מענטש דארף זיך לערנען זעלבסט קאנטראל און איינהאלטונג אזוי אז ער זאל נישט ווערן א שקלאף צו זיינע תאוות און קומען צו זינדיגן. א מענטש וואס האט נישט קיין שום קאנטראל איבער זיך ווערט גרינגער נאכגעשלעפט צו פארבאטענע זאכן.

די צווייטע מאטיוואציע פאר פרישות איז וואס דער חובת הלבבות לערנט אונז: א מענטש דארף האלטן זיין קאפ פריי פאר אלע געוואלדיגע השקפות פון די תורה און דערפאר זאל ער נישט אנלייגן זיין מח מיט מאטריאליסטישע, גשמיות׳דיגע זאכן. ער דארף ווי ווייט מעגליך האלטן זיין קאפ אפן עס צו אנפילן מיט אלע הערליכע אוצרות פון בילדער פון די תורה ענינים און געדאנקען פון די תורה. דאס איז די גרויסע הצלחה אין לעבן; צו אנפילן דעם קאפ מיט איידעלע געדאנקען, מיט די הערליכע מעבל פון תורה ערציילונגען און השקפות. צו בויען א תורה קאפ, דאס איז די גרעסטע דערגרייכונג אין לעבן אבער דאס קען נישט פאסירן אין א קאפ וואס איז פארנומען מיט אומוויכטיגע זאכן.

און די דריטע מאטיוואציע פון זיך אפשיידן פון די וועלט איז צו לערנען ווי אזוי ריכטיג צו הנאה האבן פון די וועלט! ווארף ארויס פון דיין קאפ אלע מחשבות אז פרישות מיינט נישט זיין פרייליך! נאר אויב דו פילסט אן דיין קאפ מיט פאלשע תענוגים, אייגן געמאכטע תענוגים, וועסטו פארזען אלע אמת׳ע תענוגים אין די וועלט. דער באשעפער וויל די זאלסט הנאה האבן פון עולם הזה, אבער דאס איז א פאך וואס מען דארף זיך לערנען. פרישות מיינט צו זיין פרייליך אן לוקסוס; זיך צו לערנען צו זיין באפרידיגט מיט די מינימאלסטע באדערפענישן, צו הנאה האבן פון די ׳פשוט׳ע׳ תענוגים פון די וועלט - די תענוגים וואס זענען אלעמאל צוגענגליך. און איינמאל דוליידיגסט אויס דיין קאפ פון די אלע אייגן געמאכטע תענוגים, וועסטו טרעפן אמת׳ע שמחה, ריכטיגע און טיפע באפרידיגונג, אין עבודת ה׳ אליין - תורה, מצוות, חסד, ערציען קינדער; בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד - אין איר ליבשאפט פון די תורה וועסטו זיין משוגע שטענדיג.

און די אלע זאכן אינאיינעם ברענגען צו קדושה. קדושים תהיו - פרושים תהיו. נישט נאר וואס דו וועסט זיין א פרייליכער מענטש, דו וועסט אויך דערווייטערט ווערן פון זינד. דו וועסט דורכגיין די וועלט אלע טעג פון דיין לעבן מיט איידעלע געדאנקען אין דיין קאפ, דינענדיג דעם באשעפער מיט שמחה, בשעת דו וועסט הנאה האבן פון אלע תענוגים מיט וואס דער באשעפער באגיסט דיר נאכאנאנד. און דערפאר זאל יעדער איד שטרעבן צו סיי וועלכן שטאפל פון פרישות וואס ער קען, ווייל ווי מער ער דערגרייכט, אלץ מער וועט ער ווערן פרייליך און הייליג.

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**איר האט געזאגט אז א מענטש זאל עסן מיט אפעטיט און דאנקען דעם באשעפער דערפאר, אבער לויט דעם מסילת ישרים זעט אויס אז א פרוש זאל עסן נאר וואס ער מוז. איז דאס א סתירה?**

## תשובה:

דער ענטפער איז ניין. א פרוש עסט נישט וואס איז נישט וויכטיג פאר אים, אבער דאס וואס איז יא וויכטיג עסט ער מיט דאנקבארקייט. בשעת ער נעמט א שטיקל ברויט און טינקט עס איין אין זאלץ און טרינקט צו דערצו א גלאז וואסער, האט ער הנאה דערפון און טראכט וואספארא געוואלדיגע ברכה איז דאס אז ער קען עסן זיין ברויט און וואסער.

אזוי ווי עס איז געווען ביי רבי יהודה, וואס ער איז געווען אזוי ארעם אז ער האט נישט פארמאגט א מלבוש מיט וואס ארויסצוגיין אין גאס. ענדליך האבן ער און זיין ווייב געקויפט א מלבוש מיט אן אומבאשטימטער שניט - עס האט נישט אויסגעזען ווי א מענערישער מלבוש און אויך נישט ווי א פרויאישער מלבוש. ווען ער האט געדארפט ארויסגיין האט ער עס אנגעטון און ווען זי האט געדארפט ארויסגיין איז ער געבליבן אינדערהיים און זי האט עס אנגעטון. זי האט נישט עובר געווען אויף דעם איסור פון לא תלבש, ווייל עס האט נישט אויסגעזען ווי גארנישט; עס האט אויסגעזען ווי א זאק.

ווען רבי יהודה האט אנגעטון דעם מלבוש האט ער געמאכט א הויכע ברכה, ברוך שעטני מעיל - "איך דאנק דיר באשעפער אז דו האסט מיר באקליידט מיט א מאנטל; א קעניגליכער מאנטל." דאס מיינט, אז צו אים איז דאס געווען א קעניגליכער מאנטל; ער איז געווען אזוי פריילין! איר קענט זיך אודאי פארשטעלן וואספארא סארט מלבוש דאס איז געווען אויב מען האט נישט געקענט אונטערשיידן צי דאס איז א מענערישער מלבוש אדער א פרויאישער מלבוש; עס איז געווען א שמאטע, דאס די גאנצע. אבער ביי אים איז דאס געווען אזא שמחה אז ער האט געזאגט, "ברוך ה'! איך דאנק דיר אז דו האסט מיר באקליידט מיט א מאנטל."

דאס גלייכן, דער פרוש עסט טאקע נישט קיין אייז-קרעם און קוכן און סאדע און אלע מיסט. אבער ווען ער עסט זיין שטיקל ברויט האט ער הנאה דערפון ביזן סוף. איך זאג אלעמאל די זעלבע זאך: ברויט האט קראכמאל (סטארטש) דערין. און אין די שפייעכץ געפינט זיך א פליסיגקייט וואס רופט זיך 'פטיאלין' וואס פארוואנדלט די קראכמאל צו צוקער. ווי מער מען קייט די ברויט, אלץ זיסער ווערט עס. דער פרוש עסט זיין זיסע ברויט און האט הנאה דערפון מער ווי דער מענטש וואס עסט געצוקערטע סיריעלס. און ער דאנקט דעם באשעפער ווי גלייך ער עסט די געשמאקסטע און אפעטיטליכסטע מאכלים.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 347-755-8860**
yiddish@torasavigdor.org

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**